ספֿערעס עס זײַנען נייטיק, עס זײַנען גאַנגבאַר און נאַטירלעך העברעיִזמען, דאַרף מען זיך אַ קער טאָן און אויך אַ שטודיר טאָן די ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים.

## ה. סלאַוויזמען

כּדי אַוועקצושטעלן דעם ענין אין אַ קלאָרער היסטאָרישער ראַם, קומט אויס אָנצוהייבן אַ ביסל מן הצד. יעקבֿ דינעזאָן איז מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר געווען ייִנגער פֿון שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטשן און זײַן אַרויספֿאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען מיט דרײַצן יאָר שפּעטער (הנאהבֿים והנעימים, אָדער דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיג, ווילנע 1877). ער איז פֿון סאַמע אָנהייב אויף זײַן אופֿן געווען אַן אָנהענגער פֿון ייִדיש און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי דעם בעסטן מיטל פֿאַר „מוסר און דעת“. ער האָט געהאַט טענות צו די העברעיִשע שרײַבערס, למאַי זיי זײַנען געוואָרן „עבֿדים עבֿרים“, צאַצקען זיך מיטן ריינעם תּנך־לשון און האָבן גאָרניט אין זינען דאָס פֿאָלק. ער האָט אַרויסגעוויזן מוט און גערעדט מיט באַקציינער בײַם אָננעמען זיך פֿאַר דעם כּבֿוד פֿון ייִדיש. ווען ד״ר שלמה צבֿי סקאָמאָראָווסקי[33] האָט זיך געהאַט געווענדט צו פּראָפֿ' הײַנריך גרעץ נאָך אַ דער־לויבעניש איבערצוזעצן זײַן געשיכטע אויף ייִדיש און האָט באַקומען פֿון דעם באַרימטן היסטאָריקער אַ שאַרפֿן אָפּזאָג מיט זידלווערטער אויפֿן חשבון פֿון „זשאַרגאָן“, האָט יעקבֿ דינעזאָן אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „פּראָפֿעסאָר גרעטץ אונ דער יודישער זשאַרגאָן אָדער ווער מיט וואָס דאַרף זיך שעמען“[34] (יודישעס פֿאָלקסבלאַט, 1888, נומ' 2; בײַלאַגע).

במשך פֿון דעם זעלביקן יאָר האָט יעקבֿ דינעזאָן געשריבן אַ לענגערן אַרטיקל „די יודישע שפּראַכע און אירע שרײַבער“ (אין מ. ספּעקטאָרס דער הויזפֿרײַנד, ב' 1, וואַרשע, 1888) און דאָרטן קריגט „הער אַבראַמאָוויטש“ אַ גאָב. פֿאַר וועמען אייגנטלעך האָט ער געשריבן די קליאַטשע און די גרויסע פּאָעמע יודעל אויף „ייִדיש־דײַטש“? ער קען דאָך ניט זײַן „אַזוי פֿאַרנאַרט צו גלייבן... אַז ער שרײַבט עס פֿאַר דעם המון“. ערגער פֿון אַלץ איז די פֿאָרציע מוסר אויפֿן חשבון פֿון מענדעלעס לשון: „זעלבסט אין דער שפּראַכע און אויסדריקע פֿון דעם ייִדיש־לשון ווייס איך ניט ווי זיך צו ערקלערן די אַרט און ווײַזע ווי ער געברויכט אים“; ער „טאַנצט אויף אַ שטריק פֿיר זײַנע חבֿרים“; ער האָט זיך אײַנגערעדט אַז ייִדיש איז אַ „געשטעלטע שפּראַכע“...

אָבער די חבֿרים און מחברים האָבן ביודעים און בלא־יודעים, אַנדערע מער און אַנדערע ווייניקער, זיך געלאָזט פֿירן פֿון ר' מענדעלען און פֿון דעם ווי ער האָט 'געשטעלט' ייִדיש. עס איז ביז גאָר באַלערנדיק, ווען מע פֿאַרגלײַכט יעקבֿ דינעזאָנס ייִדיש אין זײַנע ערשטע צוויי ראָמאַנען (דעם פֿריִער דערמאָנטן און אבֿן נגף אָדער אַ שטיין אין וועג) מיט דער לויטערקייט פֿון זײַן שפּראַך אין

---

[33] וועגן אים זען: זלמן רייזען, לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פֿילאָלאָגיע, II, שפּ' 710 א״ו. דאָרטן ווערט דער אינצידענט סקאָמאָראָווסקי־גרעץ ניט דערמאָנט, איז עס אויך ניטאָ אין לעקסיקאָן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, VI, ניו־יאָרק 1965, שפּ' 532־33. דאָס ווערט אָבער יאָ דערציילט בײַ רייזענען אין יעקבֿ דינעזאָנס ביאָגראַפֿיע.

[34] די ווערטער 'גרעטץ' און 'שעמען זיך' זײַנען געדרוקט מיטן אַלפֿן און סגולן אונטער זיי.

הערשעלע (1891), יאָסעלע (1899), דער קריזיס (1903) א"אַ. דאָרטן איז דאָס דײַטשמערישע כּמעט אויסגערייניקט און עס זײַנען שוין ניטאָ קיין איבעריקע, קיין אומבאַרעכטיקטע סלאַוויזמען. יעקבֿ דינעזאָן איז געגאַנגען אין דער לער בײַ מענדעלען, אַזוי אויך ווי מרדכי ספּעקטאָר, דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פֿון דער הויזפֿריינד.[35] וועגן שלום־עליכמען איז דאָך אַוודאי איבעריק צו זאָגן, ווי געטרײַ און מיט וואָסער אַראַפּפֿאַל ער איז געגאַנגען אין די פֿוסטריט פֿון זײַן רבין.[36]

לאָמיר זיך דערמאָנען אַז ר' מענדל סאַטאַנאָווער האָט זיך געהאַלטן בײַ דער שיטה אַז די שפּראַך פֿון מאַרקפּלאַץ און פֿון וואַרשטאַט, פֿון געוויינטלעכן טאָג־טעגלעכן שמועס, מיט אַלע סלאַוויזמען וואָס זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין רעדן, איז גענוג גוט אויך אויף איבערצוזעצן דעם תּנך. רייניקן די גערעדטע שפּראַך כּדי זי צו דערהייבן צו אַ ליטעראַטור־שפּראַך — אָט די פּראָבלעם איז ניט אויפֿגעקומען ניט בײַ זײַנע דירעקטע תּלמידים און ניט בײַ די תּלמידים פֿון זײַנע תּלמידים.[37] ווען מע לייענט ישראל אַקסנפֿעלדן, אָדער ווען מען דאָס זאָל ניט זײַן צווישן ר' מענדלען און מענדעלען, איז די מעלה דאָס האַלטן זיך וואָס נעענטער צום פֿאָלקס לשון, מיט אַלע זײַנע חנען און אויך מיט די בראָדעווקעס. קען מען דערזען אין דער ליטעראַטור פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט ביז מענדעלען צוויי שטראָמען: אַן אַנטיפֿאָלקישן — מיטן „אויספּוצן" און „דערהייבן" ייִדיש בעזרת דײַטשמעריזמען, און אַ פֿאָלקישן — מיטן געטרײַען איבערגעבן די ריידשפּראַך.

אַוודאי איז מענדעלעס לשון פֿאָלקיש, אָבער דאָך ניט פּראָסט. פּונקט ווי עס קען זײַן אין דער געזעלשאַפֿטלעכקייט אַ נאָכגיין נאָך דעם פֿאָלק אָדער אַ פֿאַרויסגיין דעם פֿאָלק, אַזוי איז עס אויך אין דער באַציִונג צווישן שרײַבער וואָס אייגנט זיך צו טאַקע דאָס עכטע לשון פֿון פֿאָלק און דעם באמתדיקן טאָג־טעגלעכן לשון פֿון פֿאָלק גופֿא. פֿאַרויסגיין דעם פֿאָלק באַטײַט דאָ אָפּקלײַב און איבערקלײַב. ווען מענדעלע האָט זיך באַפֿרײַט פֿון אַ שלל דײַטשמעריזמען פֿון פֿריִערדיקע און זײַנצײַטלעכע מחברים, האָט ער זיך געלערנט פֿון דער פֿאָלקשפּראַך און פֿון זײַן אייגענעם געבענטשטן שפּראַך־חוש; ווען ער האָט ניט דערלאָזט אָדער אויס־געמעקט אַ שלל סלאַוויזמען, האָט ער ניט נאָכגעטאָן דער ריידשפּראַך, נאָר זײַן וועגווײַזער איז דאָ געווען זײַן אייגענער שפּראַך־חוש און דאָס האַלטן זיך בײַ צוויי פּרינציפּן: נעמען ווי אַ מוסטער דאָס לשון פֿון תּלמיד־חכם און שטרעבן צו איבער־דיאַלעקטישקייט. ווען מע נעמט אין באַטראַכט סאָציאַלע שיכטונג בײַם שטודירן ייִדיש דערזעט מען גלײַך דעם חילוק אין ניצן סלאַוויזמען בײַ פֿאַרשיידענע גרופּעס, מיט דער קלענסטער צאָל בײַ די לערנערס. ווען מע האָט אין זינען צו

[35] אַ דוגמא: אין 1884 הייסט ספּעקטאָרס אַ ראָמאַן דער יודישער מוזשיק, אַזוי אויך אין אַן אויסגאַבע פֿון 1894, אָבער דערנאָך האָט דער מחבר געביטן דעם נאָמען אויף דער יודישער ערדאַרבייטער, און אין 1927, שוין נאָך ספּעקטאָרס טויט, אָבער אפֿשר לויט אַן איבערגעבליבע־נעם אָנווײַז פֿון מחבר — דער ייִדישער קאָלאָניסט.

[36] זען אויך ייִדישע שפּראַך, ב' XXVI, ז' 5.

[37] שלמה עטינגער איז אַ דערשײַנונג פֿאַר זיך און אַ יוצא־מן־הכּלל. אים איז שווער, און אפֿשר טאַקע אוממעגלעך, אַרײַנצורייען צווישן די שרײַבערס פֿון אוקראַיִנע און מיזרח־גאַליציע אין דער ערשטער העלפֿט 19טן יאָרהונדערט.

ניצן ווערטער וואָס ייִדן פֿון אַלע דיאַלעקטן זאָלן זיי פֿאַרשטיין, קומט אויך אויס אויסצומײַדן סלאַוויזמען, וואָס זיי זײַנען אַזוי אָפֿט לאָקאַליזמען, אָדער פֿאַרשטענדלעך בלויז אין די גרענעצן פֿון איין דיאַלעקט.

ש. ניגער האָט זיך אויסגעדריקט אַז „מענדעלע האָט אַרום דעם אָפֿענעם פֿעלד פֿון מאַמע־לשון אַזוי ווי אַ צאַם געמאַכט, אַ צאַם וואָס איז נייטיק געווען אין אַ צײַט פֿון הפֿקרדיקייט". בײַם ניט אַרײַנלאָזן דײַטשמעריזמען האָט ער פֿאַרמאָגט מער מיטלען ווי בנוגע סלאַוויזמען, ער האָט געוווסט דאָס גוטע ייִדישע וואָרט און די ריכטיקע ייִדישע פֿאָרעם אויף צו פֿאַרבײַטן דעם דײַטשמעריזם. אָבער ווען עס קומט צו סלאַוויזמען, ספּעציעל צו אַלע מיני רעאַליא, האָט ער ניט אײַנגעזען אַז עס לוינט צו פֿאַרבײַטן אַ סלאַוויזם מיט אַ וואָרט וואָס שטאַמט פֿון גערמאַניש, און ער האָט זיך ניט פֿאַרנומען מיט אויסקלערן פֿאַר די אַלע זאַכן נײַע נעמען. טרעפֿן מיר, למשל, בײַ אים כּסדר: וואָראַבייטשיק, סאָלאָוויי, טשיזשיק, סאָראָקע, וואָראָנעס, זשאַבעס, זשוקלעך, טכויר, יאַשטשערקע, פּיאָוקע, טאַראַקאַנעס, פּיליניצעס און נאָך און נאָך. קען מען אויסשרײַבן פֿון זײַנע ווערק לאַנגע רשימות סלאַוויזמען. אָבער עס איז גענוג צו פֿאַרגלײַכן עטלעכע זײַטלעך פֿון מענדעלעס ווערק מיט דער זעלביקער צאָל זײַטן פֿון י. י. לינעצקין, כּדי אײַנצוזען ווי שפּאַרעוודיק און ווי אָפּגעהיט מענדעלע איז געווען בײַם ניצן סלאַוויזמען. נאָר די וואָס אָן זיי האָט ער זיך ניט געקאָנט באַגיין, נאָר די וואָס זײַנען געווען פֿאַרוואָרצלט אין לשון האָט ער אַרײַנגעלאָזט הינטער דער פֿאַרצוימונג וואָס ער האָט זיך געמאַכט.

ריכטיק האָט נאָך נח פּרילוצקי אָנגעוויזן,[38] אַז מענדעלע האָט אַרײַנגענומען יענע סלאַוויזמען וואָס זײַנען געווען הן אין די רײַסישע הן אין די אוקראַיִנישע ריידענישן. אמת, אויך פֿון דעם כּלל זײַנען פֿאַראַן יוצאים־מן־הכּלל (למשל, דאָס וואָרט פֿון אוקראַיִניש פֿליד,[39] וואָס איז צו רײַסן ניט דערגאַנגען), אָבער זייער צאָל איז קליין. ס'איז אָבער ניט ריכטיק די סטאַטיסטיק וואָס נח פּרילוצקי גיט דאָרטן אָן, אַז „אין ווינטשפֿינגערל איז פֿאַראַן ביז 180 ווערטער פֿון סלאַווישע שרשים". מע דאַרף אָננעמען אַז נח פּרילוצקי האָט געהאַט אין זינען דעם ערשטן טייל ווינטשפֿינגערל, וואָס מענדעלע האָט איבער דעם געאַרבעט מער ווי איבער זײַנע אַנדערע ווערק. עס איז אויסגעקומען אויסצושרײַבן אַלע סלאַוויזמען וואָס מע טרעפֿט אין דער ערשטער העלפֿט פֿון אָט דעם ערשטן טייל. איז זייער צאָל 258. אין דער צווייטער העלפֿט וואָלטן צוגעקומען לכּל־הפּחות נאָך הונדערט ווערטער פֿון סלאַווישע שרשים. בכן, מעג מען רויִק אָננעמען אַז די צאָל ווערטער אין דעם ערשטן טייל ווינטשפֿינגערל, וואָס זיי שטאַמען פֿון סלאַוויש, איז טאָפּלט אַזוי פֿיל ווי עס איז אויסגעקומען על־פּי נח פּרילוצקיס חשבון.

עס האָט ניט קיין זינען צו געבן די לאַנגע רשימה פֿון די דערמאָנטע 258 ווערטער, ווײַל כּמעט אַלע זײַנען עס פֿאַרוואָרצלטע ייִדישע ווערטער. מיר נעמען

---

[38] נח פּרילוצקי, שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש, וואַרשע, 1920, ז' 48.

[39] „אַ הון מיט איר פֿליד". געהערט אויך פֿלאָד מיטן באַטײַט: סכום קינדער און אייניקלעך, מיט אַ פּעיאָראַטיוון בײַטעם.

פֿון דאָרטן אַרויס נאָר געציילטע, אַזעלכע וואָס זײַנען זעלטן אָדער וואָס טויגן ניט פֿאַר אַ הײַנטצײַטיקן פּוריסט:

באַסנע (אין קרילאָווס באַסנע), גאָגאָטשען, דאָראָבען, דאָלאָניע, וועסנע, זשמורקעס, טאָרגעווען זיך, טומאַן, לאָפּנען, סווישטשען, סלוזשען, סלינקע, סקיפּקע,[40] פּאָגאָדע, פּאָיעדינאָק, פּוקען זיך,[41] פּיסטען זיך,[42] צעקאָשמעט,[43] קאַרטינקע (אַ וואָרט וואָס מענדעלע האָט ליב), קאָרמאַנשטשיק, קולאַק, שטשיפּען, שליאַרקעלעך.[44]

פֿון איין אויסגאַבע ביז צו אַ צווייטער האָט מענדעלע געהאַלטן אין איין אויס־מעקן סלאַוויזמען און זיי פֿאַרבײַטן מיט אַנדערע ווערטער. פֿון י. קוויטניס אַרבעט „סלאַוויזמען בײַ מענדעלען"[45] נעמען מיר אַרויס אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע פֿאַרבײַטן:

אָביאַסניאַיען זיך — דערקלערן; אופּראַזש — געשפּאַן; איספּראַווניע — פּינקטלעך; ביסטרע טײַכן[46] — פֿלייציקע; בעזזאַשטשיטנע — אומבאַשירעמט; געזנאַטשעט — פֿאַררעכנט; דאָסטאַווען — צושטעלן, זאַנימאַיען זיך — זיך פֿאַרנעמען; זאַראַזען — אָנשטעקן; טאַסקען — שלעפּן; לופּען — שינדן; מעטלעס — בעזעמס; מוזשיק — פּויער; נאַזנאַטשעט — באַשטימט; נאַמערן זיך — האָבן בדעה; נאַראָד — עולם; סטראַגע — שטרענג; סוועדעניעס — ידיעות; פּאָזדראַווען — געזאָגט מזל־טובֿ; פּאָלזע — נוצן; פּריגלאַשען — פֿאַרבעטן; ראַזנאָשטשיקעס — טענדלערס; ראַזביראַיען — באַ־קלערן; ראַסכאָדן — הוצאות; ראַסוזשדאַיען — זיך אַרײַנלאָזן אין חקירות.

דאָ איז פֿאַראַן ניט מער ווי אַן אויסוואַל פֿון י. קוויטניס רשימה מיט אייגענע צוגאָבן, ווײַל אַנדערע פֿאַרביטענע סלאַוויזמען האָט מענדעלע רויִק איבערגעלאָזט אין אַנדערע שטעלן פֿון די קליאַטשע גופֿא און אויך אין אַנדערע ווערק. עס זײַנען אַרויסגעהויבן געוואָרן נאָר די ווערטער וואָס מענדעלע האָט געפֿילט אַז זיי זײַנען באַרבאַריזמען, אַז ער טאָר זיי ניט איבערלאָזן. אָבער פֿון דער צווייטער זײַט, דאָס גופֿא וואָס מענדעלע האָט געהאַט אָט די ווערטער אָנגעשריבן איז אַ סימן אַז זיי זײַנען געווען אין דער ריידשפּראַך פֿון פֿאָלק. מענדעלע האָט ניט געטראַכט אויף רוסיש און זיכער אויך אַליין ניט גערעדט אויפֿן „באַרימטן" אַדעסער ייִדיש. טשיקאַווע וואָס מענדעלע האָט באַזונדער זיך אָקעגנגעשטעלט קעגן ווערבן, גענומען פֿון רוסיש.

בײַם אויסשרײַבן סלאַוויזמען פֿון מענדעלעס ווערק האָט זיך געשאַפֿן דער אײַנדרוק אַז דער חילוק איז ניט נאָר בײַם פֿאַרגלײַכן פֿריִערדיקע נוסחאָות מיט שפּעטערדיקע, נאָר אויך איין ווערק מיט אַ צווייטס. אין ווינטשפֿינגערל און אין שלמה ר' חיימס טרעפֿן מיר ווייניקער סלאַוויזמען וואָס פֿאַרטשעפּען אונדז ווי אין די קליאַטשע, אין פּישקע..., אין מסעות... און אין אַנדערע ווערק. ער

---

[40] קאָפּ פֿון אַ שטעקן.

[41] מיט די באַטײַטן: (1) זיך שטאַרק ערגערן; (2) זיך (צונויפֿ)שטויסן.

[42] דאָס זעלביקע וואָס פּיעשטשען זיך.

[43] אויך צעקאָסמעט, ד"ה צעפּאַטלט, צעפּודלט אָדער מיט צויטן.

[44] צויטן.

[45] די ייִדישע שפּראַך, קיִעוו, 1927, זען הערה 30.

[46] אָבער ביסטרע אויגן איז על־פּי מענדעלען כשר.

האָט אָפּט דווקא יאָ געניצט סלאַוויזמען צוצוגעבן אַ ספּעציעלן סאַטירישן אָדער הומאָריסטישן קאָלאָריט.

מיר ברענגען איצט אַ לענגערע רשימה סלאַוויזמען, וואָס ער האָט זיי געלאָזן אין זײַנע ווערק און וואָס זײַנען ביז איצט ניט דערמאָנט געוואָרן. מיר האַלטן זיך בײַ דעם זעלביקן אויסקלײַב־פּרינציפּ ווי פריִער, בײַם אויסרעכענען אַ צאָל סלאַוויזמען פון ווינטשפינגערל:

(א) ווערטער וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען פון פאַרבינדונגען מיט דער רוסישער מאַכט:

אוטשעניע, בעזפּאַספּאָרטנע, גלאַסנע, דאָקלאַד, וואָפּראָס, וויבאָרעס, טשינאָווניק, מעשטשאַנסקע, נאַגראַדע, נאַדזיראַטל, נאַטשאַלסטווע, סאָצקי, סבאָרשטשיק, סוודעניע, סטאַנאָוואָי, סמאָטריטל, סלאָוועסנאָסט, סלעדסטוויע, פאָדאַני, פאָווערעני, פּאָמאָטשניק, פּאָסטאָי, פּראָשעניע, קוואַרטאַלני, קופּעטשעסטווע, קרעפּאָסט און ענלעכע;

(ב) פון פאַרשיידענע שטחים:

אָבעדריקעס, אונטערהידען (אויך: אונטערהידעניש, אונטערהידער), איזגיוכען זיך, איסטאָטשניק, אָנגעטאַסעוועט, אָשייניק,[47] באָס(י)אַק, בריטווע, דאָקוטשען, דורען אַ קריזש, דראַפּאַטשעס, דראַקעס, מאַכן אַ האַסליע, טיזליק, טעליגעס, טשומאַק, יאַטרען, כאַטע־פּאָקרישקע, כודאָבע,[48] לישקעס[49] פון פיש, שיטער ווי לעמעשקע, מאַזניצע, מאַקרעטע, מושקע, מיאַטשיק, סוכעזשילעס, כאַפּן דעם סטרי, ספּאַלניע, סקאָמפּאַנייען זיך, פּאָפּאַס, פּאַרקעס, קאַוויאָרן, קוקלעס, קרעמפּעלעץ, רוסאַלקע, שטשאָגל, שטשע־טינעס.

כמעט וועגן אַלע סלאַוויזמען, אַחוץ געציילטע, מעג מען זיך זאָגן: אויב זיי זײַנען געווען גענוג גוט פאַר מענדעלען, מעגן זיי זײַן אויך גענוג גוט פאַר אונדז. עס גייט נאָר אין דעם מע זאָל זיי ניצן אויפן ריכטיקן אָרט, אין דעם פּאַסיקן צוזאַמענהאַנג און אויך מיט דער באַשטימטער כוונה, אויב מע האָט פאַר זיך אַ פאַרבײַטנדיקן סינאָנים.

מיר ווייסן ניט גענוי דעם פּראָצענט סלאַוויזמען אין מענדעלעס וואָקאַבולאַר. זאָלן אָבער די רשימות מיט די ניט אומעטום געניצטע סלאַוויזמען ניט שאַפן דעם אײַנדרוק אַז דער דאָזיקער פּראָצענט איז אַ הויכער. אויפן סמך פון אויבנ־אויפיקע און ניט־גענויקע ציילעכישן איז דער פּראָצענט סלאַוויזמען בײַ מענדע־לען אין ערך די העלפט פון פּראָצענט העברעיִזמען. אָבער אַפילו אָט אַזאַ פּראָצענט איז אַ סך העכער ווי אין דער בעלעטריסטיק פון שרײַבערס וואָס לעבן שוין ניט אין אַ סלאַוויש־רעדנדיקן אָרום.

## ו. אידיאָמאַטישע אויסדרוקן

ווען ניט ווען, ווו ניט ווו שטויסט מען זיך אָן אויף אַן אידיאָמאַטישן אויסדרוק אויך אין דער עלטערער ליטעראַטור מיט איר בדרך־כלל פאַרגליווערטן לשון, וואָס איז געווען אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער ריידשפּראַך פון דער תקופה.

---

[47] רוסיש — האַלדזבאַנד פון אַ הונט.

[48] פּויליש — (אָרעמע) בעל־הבתישקייט; אוקראַיִניש — אויך סכום בהמות וואָס מע פאַרמאָגט.

[49] לוסקעס, לושקעס, ד״ה שופּן.